ב"ה ימות המשיח. עש"ק פר' **נשא**, י"ג סיון
ה'תשס"ו – הי' תהא **שנת** סגולות ונפלאות

דבר מלכות לנוער

# תורה חדשה איצטער!

לויט 'דבר מלכות' פון שבת פרשת נשא ה'תנש"א

אויבנאויפיק געווען איז דאָס אַ געוויינלעכע שבת. אַזוי ווי יעדער שבת איז דער רבי מלך המשיח שליט"א אַראָפּגעקומען נאָכן דאַווענען צו אַ פאַרברייינגען אין זאַל, און נאָך דעם ווי דער עולם האָט געזונגען "זאָל שוין זיין די גאולה, משיח זאָל שוין קומען", ווי ס'איז איינגעפירט געוואָרן זינט כ"ח ניסן, האָט דער רבי מלך המשיח שליט"א אָנגעפאַנגען רעדן:

## מ'איז משלים מתן תורה

די שבת קומט נאָך חג השבועות אין אים האָבן מיר מקבל געווען די תורה פון־דאָס־ניי. יעדער שבת דערהויבן זיך און דערגענצן זיך אַלע טעג פון וואָך, און אין די שבת ווערט די עלי' און די שלימות פון קבלת התורה אין חג השבועות.

דעריבער אין דער הײַנטיקער וואָכעדיקער פרשה לייענען מיר 'נשא את ראש בני ישראל' (הויב אויף די קאָפּ פון אידן). דאָס לערנען תורה איז די מצוה וועלכע מיר פירן דורך מיטן קאָפּ און זי הויבט אים אויף און טראָגט אים.

אין די שבת הויבן מיר אויך אָן פון־דאָס־ניי די פרקי אבות און זאָגן "משה קבל תורה מסיני". אויך דאָס דערמאָנט אונז מתן תורה וואָס איז געווען דער וואָך, וואָס דערפאַר הויבן מיר אָן לערנען תורה – און ספּעציעל די פרקי אבות – פון־דאָס־ניי.

פון דעם איז פאַרשטאַנדיק, אַז די שבת איז דער צײַט אין וועלכן עס ווערן געגעבן צו יעדן איינעם ספּעציעלע כחות, ער זאָל קענען זיך באַנייען אין יעדער זאַך וואָס איז פאַרבונדן מיט לימוד התורה און קיום המצות.

## יעדער טאָג פון־דאָס־ניי

דער אמת איז, אַז יעדן טאָג גיט דער אויבערשטער די תורה פון־דאָס־ניי, דעריבער בענטשן מיר יעדער מאָרגן 'ברוך אתה ה' **נותן** התורה', לשון הוה.

אַזוי ווי די שיחה וואָס מיר לערנען יעצט, וואָס דער רבי מלך המשיח שליט"א האָט געזאָגט 15 יאָר צוריק, אָבער מיר לערנען דאָס אַזוי ווי זי איז געזאָגט געוואָרן ממש איצטער, און מיר ווייסן אַז אין יעדער זאַך און אָנווייזונג מיינט דער רבי ממש צו אונז אין אונזער צושטאַנד איצטער. אַזוי אין יעדער זאַך אין תורה וואָס מיר לערנען, מיר ווייסן אַז דער אויבערשטער האָט עס געגעבן היינט ספּעציעל פאַר אונז, און דערפאַר איז אונזער לערנען מיט אַ לעבעדיקייט און אַ געשמאַק, און מיר פילן אַ גלוס און אַ מוט צו אויספירן וואָס דער אויבערשטער האָט אונז

אָנגעוויזן אין תורה.

אין חג השבועות גיט דער אויבערשטער די תורה אין אַן אַלגעמיינעם אופן אויף די גאַנצע יאָר, און יעדן טאָג גיט איר דער אויבערשטער אין אַ ספּעציעלן אופן פאַר דעם טאָג.

דאָס רופט זיך אָן 'התחדשות' – באַנייאונג, די זעלבע תורה וואָס איז געווען אַלעמאָל – אָבער מיט אַ נייע פרישע לעבעדיקייט.

אָבער ניט וועגן דעם רעדן מיר יעצט, די שבת איז עפּעס ספּעציעל. די שבת הויבט אויף און איז משלים דעם חג השבועות. וואָס קען טאַקע זיין מער וואונדעלעכער פון דעם וואָס איז געווען אין שבועות?

## אַ תורה חדשה

מען דאַרף באַמערקן: עס איז דאָ **'התחדשות'** – באַנייאונג, און עס איז דאָ **'חידוש'** – אַן **אויפטו**, אַ **נייער** זאַך.

אַז מ'לערנט די תורה מיט פרייד און געשמאַק ווייל מיר ווייסן אַז דער אויבערשטער האָט איר געגעבן ספּעציעל פאַר אונז, איז דאָס אַ 'התחדשות'. די זעלבע תורה וואָס מיר האָבן געלערנט אַלעמאָל – פון-דאָס-ניי, מיט נייע לעבעדיקייט און מוט. און צוליב דעם באַקומען מיר אַ ספּעציעלער כח פון חג השבועות אין אים איז מען מקבל די תורה פון-דאָס-ניי.

עס איז פאַראַן נאָך אַן ענין. דער וואָס לערנט די תורה מיט שמחה און תענוג, האָט ער אויך חידושים – ער אַנטפּלעקט אין תורה נייע זאַכן וואָס מ'האָט קיינמאָל נישט געוואוסט אויף זיי.

אייגנטלעך, דער אויבערשטער האָט געגעבן די גאַנצע תורה צו משה'ן אין באַרג סיני, אויך די משניות און די גמרא און די אַלע חידושים וואָס מ'וועט אַמאָל מחדש זיין. אָבער אַלץ איז געווען ברמז, פאַרבאָרגן. ווען מיר האָרעווען אין לימוד התורה, קענען מיר געפינען אָט יענע חידושים און אַרויסברענגען זיי צו אָפנטלעכקייט. יעדער איינער קען מגלה זיין אַ קליינעם טייל אין תורה, דער טייל וואָס איז געהערט צו זיינע נשמה.

אין די גאולה האמיתית והשלימה, וועט דער אויבערשטער אונז אַנטפּלעקן דורך מלך המשיח די תורה חדשה. דאָס זיינען אַזוינע וואונדערלעכע חידושים און סודות, וואָס געפינען זיך אין תורה ממש ברמז אַז אויך אויב מיר וועלן האָרעווען וועלן מיר זיי קיינמאָל ניט קענען אויסגעפינען מיט אונזערע כחות. נאָר דער אויבערשטער אַליין קען זיי מגלה זיין, וועגן זיי שטייט 'תורה חדשה מאתי תצא' (אַ נייע תורה וועט פון מיר אַרויסקומען).

דאָס איז דער ענין פון אָט די שבת. ניט נאָר דאָס **באַנייאונג** פון תורה, נאָר אַ **חידוש** פון תורה. דאָס איז דער **צייט** צוצוגעבן אין אונזערע חידושי תורה, און דאָס איז דער פּאַסיקער צייט אַז דער אויבערשטער זאָל אַנטפּלעקן סוף-סוף זיינע תורה חדשה אין די גאולה האמיתית והשלימה תיכף ומיד!

און ווי מיר וועלן זאָגן די שבת איידער מיר וועלן אָנהויבן די פרקי אבות, "כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא" (אַלע אידן האָבן אַ טייל אויף עולם הבא) – עולם הבא מיינט די גאולה האמיתית והשלימה, און די תורה

וואָס מיר וועלן לערנען היַינט וועט זיַין אַ תורה פון עולם הבא, אַ נַייע תורה.

דער רבי מלך המשיח שליט"א פאַרבינדט דאָס אויך מיטן ענין פון אהבת ישראל:

אַזוי ווי פאַר מתן תורה אין מדבר זיַינען אַלע אידן געווען "כאיש אחד בלב אחד" (ווי איין מענטש מיט איין האַרץ) כדי צו מקבל זיַין די תורה, אַזוי אויך פאַר די תורה חדשה וואָס משיח וועט אונז ברענגען, דאַרפן מיר זיַין גרייט כאיש אחד בלב אחד.

* * *

ביז דאָ האָט גערעדט דער רבי מלך המשיח שליט"א. בַיים אָפּשלוס פון דעם פאַרברענגען האָט מען געזונגען 'כי בשמחה תצאו', און דער רבי מלך המשיח שליט"א איז אַרויפגעגאַנגען צו זיַין היַיליגן צימער. אַלע חסידים האָבן זיך פאַרשפּרייט, און אין 770 זיַינען געבליבן נאָר אייניקע.

עטלעכע שעות זיַינען פאַרבַיי, און דאַן, אָן מודיע זיַין פון פאָראויס, איז דער רבי מלך המשיח שליט"א ווידער אַראָפּ אין זאַל, זיך געזעצט אויף זיַין בַיינקל אין די בימה פון דאַווענען מיט די געזיכט צום עולם לַייכטן אויף אַ ספּעציעלן אופן, און האָט אָנגעפאַנגען מיט אַ ספּעציעלע שיחה וואָס די גאַנצע שיחה איז צו ערקלערן אונז אַז איצטער ממש קומט די גאולה און די 'תורה חדשה'.

## דער פּעאיקסטער צַייט!

דאָך לויט די אַלע סימנים אין גמרא און אין די רייד פון חז"ל איז אונזער דור דער דור פון גאולה, ווי עס האָט מעיד געווען דער רבי ריי"צ אַז אַלע אידן האָבן שוין פאַרענדיקט זייערע עבודה, און עס איז געבליבן מער ניט ווי 'צופוצן די קנעפּלעך' און שטייען גרייט צו מקבל זיַין פני משיח צדקנו. און זינט דאַן זיַינען שוין באַגאַנגען צענדליקע יאָרן אין וועלכע מ'האָט פיל געאַרבעט צו פאַרשפּרייטן תורה און אידישקייט, און איצטער האָבן מיר פאַרענדיקט אויך צופוצן די קנעפּלעך און אַלע שטייען שוין גרייט צו מקבל זיַין פני משיח צדקנו.

און טאַקע אין די יאָר – תנש"א – האָבן פּאַסירט די ניסים ונפלאות פון מלחמת המפרץ, און אין יענע תקופה האָט דער רבי שליט"א זיך אַנטפּלעקט אַלס מלך המשיח און האָט מודיע געווען 'הגיע זמן גאולתכם' (עס איז געקומען די צַייט פון אַייערע אויסלייזונג), און ווי בלעם הרשע האָט געזאָגט אויף מלך המשיח 'ותנשא מלכותו' – אין דעם פסוק ווערט אָנגעדייטעט אַז אין יאָר תנש"א וועט זיך אַנטפּלעקן משיח.

און איצטער שטייען מיר נאָך חג השבועות וואָס דאָס איז אַ ספּעציעלער צַייט צו דאַווענען און בעטן די גאולה האמיתית השלימה. און ספּעציעל אין די מינוטן ווען דער רבי מלך המשיח שליט"א פּראַוועט אַ ספּעציעלע פאַרברענגען אין צוזאַמענהאַנג דערצו.

נאָך דעם לאַנגן רעכענונג, קומט אָן דער רבי מלך המשיח שליט"א צו די מסקנה:

**הרי זה הזמן הכי מוכשר – להחידוש ד"תורה חדשה מאתי תצא"** (דאָך איז דאָס דער מערסט צוגעגרייטער צַייט – צו דעם חידוש פון "תורה חדשה מאתי תצא").

איצטער ממש, איז דאָס דער

פּאַסיקסטער צײַט אַז דער אױבערשטער זאָל שױן אַנטפּלעקן זײַנע תורה חדשה.

און דער רבי מלך המשיח שליט״א לײגט צו:

**לא רק בלשון עתיד, אלא בלשון הוה, ועד שברגע שלאחרי זה נעשה כבר בלשון עבר, כיון שהנה זה בא, וכבר בא.** (ניט נאָר בלשון עתיד, נאָר בלשון הוה, און ביז אַז אין דעם מינוט נאָך דעם װערט עס שױן בלשון עבר, װײַל אָט קומט ער, און איז שױן געקומען).

דאָס איז אױף אַזױפיל װירקלעך און נאָעט, ביז אַז אין דעם נעקסטן מינוט װעלן מיר שױן קענען זאָגן אַז מלך המשיח איז שױן געקומען אין דעם פריערדיקן מינוט.

דער רבי מלך המשיח שליט״א האָט באַפױלן צו זינגען די ניגונים פון רבותינו נשיאינו, און האָט געזאָגט אַז מיט די ניגונים װעלן מיר פאַרשליסן די גלות, און זײ זײַנען אַ הכנה צו די שירה העשירית פון מלך המשיח.

## תכל׳ס

װיבאַלד אַז די שבת איז דער פּעאיקסטער צײַט צו די התגלות פון די תורה חדשה, דעריבער דאַרפן מיר טאָן מעשים װאָס זאָלן זײַן אַ נאָענטע צוגרײַטונג צו די תורה חדשה.

ערשטנס, דאַרפן מיר לערנען תורה מיט אַ לעבעדיקײַט און מיט אַ געשמאַק, עס זאָל זײַן אַ פאַרגעניגן צו לערנען. דאָס װעט שױן ברענגען אַז מיר זאָלן געפינען אין תורה חידושים. אַזױ װי יעדער זאַך װאָס מ׳טוט אים מיט פאַרגעניגן און מיט גלוס געפינט מען אױס יעדער מאָל נײַע זײַטן װאָס מ׳האָט נישט געקענט, אַזױ װען מיר װעלן לערנען די תורה מיט גלוס װעלן מיר זיך פאַרטיפן אין איר און אױסגעפינען זאַכן װאָס מיר האָבן זײ ניט באַמערקט ביז איצטער.

צװײטנס, צו לערנען יעדער שבת אײן משנה פון פרקי אבות מיט פירושים, יעדער אײנער װיפל ער קען.

און פאַרענדיקט דער רבי מלך המשיח שליט״א מיט אַ װאונטש צו די גאולה שלימה:

**וכולם יחדיו שומעים ה״תורה חדשה מאתי תצא״, בארצנו הקדושה, בירושלים עיר הקודש, בהר הקודש, בבית המקדש ובקדש הקדשים – ״מעל הכפורת אשר על ארון העדות מבין שני הכרובים״. ועוד והוא העיקר – תיכף ומיד.**

•

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!**

לזכות

**כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א**

מהרה יתגלה ויגאלנו!

יו״ל ע״י
תנועת הנוער
צבאות ה׳ בארה״ק

**װילסט איבערגעבן אַ שיעור ׳דבר מלכות׳ אין דײַן געגנט?**

**אין ארה״ק - קינדער: 795-5493 (054), אין ארה״ק - מײדלאַך: 646-0770 (054),**

**אין ארה״ב: 290-4444 (718)**

עריכה: **בן מנחם** • הגהה רוחנית: **רבנים ואנשי חינוך** • הגהה לשונית: **ב. נחשון** • תורגם לאידיש ע״י **מנחם מענדל פעלדמאן** •
יו״ל במסגרת **מבצע עולמי ללימוד ה׳דבר מלכות׳**